Paid Family Leave

# באצאלטע פאמיליע אורלויב
## דערקלערונג פון רעכטן

## אויב איר דארפט אראפנעמען צייט פון די ארבעט זיך אפצוגעבן מיט א פאמיליע מיטגליד, קענט איר זיין בארעכטיגט פאר באצאלטע פאמיליע אורלויב בענעפיטן.

באצאלטע פאמיליע אורלויב (Paid Family Leave, PFL) איז אינשורענס באצאלט דורך די ארבעטערס וואס שטעלט צו פאר בארעכטיגטע ארבעטערס ארבעט-באשיצטע, באצאלטע צייט אראפ צו:

- **<u>ווערן נאנט</u>** מיט א ניי געבוירענע, אדאפטירטע, אדער פאסטער קינד;
- **<u>זיך אפגעבן</u> מיט** א פאמיליע מיטגליד מיט אן ערנסטע געזונט צושטאנד (זעט paidfamilyleave.ny.gov פאר בארעכטיגטע פאמיליע מיטגלידער); אדער
- **<u>ארויסהעלפן</u>** נאנטע מענטשן ווען א מאן/ווייב, דאמעסטישע שותף, קינד, אדער עלטערן איז סטאנציאנירט איבערן ים אויף אקטיווע מיליטערישע דינסט.

### בארעכטיגקייט:

- אויב איר האט א געהעריגע ארבעט סקעדזשול פון <u>20 אדער מער שעה א וואך</u>, זענט איר בארעכטיגט נאך <u>26 נאכאנאנדע וואכן</u> פון ארבעטן פאר אייער ארבעטסגעבער.
- אויב איר האט א געהעריגע ארבעט סקעדזשול פון <u>ווייניגער ווי 20 שעה פער וואך</u>, זענט איר בארעכטיגט נאכן ארבעטן פאר אייער ארבעטסגעבער פאר <u>175 טעג</u>, וועלכע דארפן נישט זיין נאכאנאנד.

בירגערשאפט אדער אימיגראציע סטאטוס איז נישט א פאקטאר אין אייער בארעכטיגקייט.

### בענעפיטן:

איר קענט נעמען ביז 12 וואכן פון באצאלטע פאמיליע אורלויב און באקומען 67% פון אייער דורכשניטליכע וועכנטליכע געהאלט, ביז צו 67% פון די ניו יארק סטעיט דורכשניטליכע וועכנטליכע געהאלט (New York State Average Weekly Wage, NYSAWW). געווענליך, וועט אייער דורכשניטליכע וועכנטליכע געהאלט זיין די דורכשניט פון אייער לעצטע אכט וואכן פון באצאלט איידער אנהויבן באצאלטע פאמיליע אורלויב. מען קען נעמען אורלויב אלעס אויף איינמאל אדער אפגעהאקט, אבער עס מוז ווערן גענומען אין פולע טעג.

### רעכטן און שיצונגען:

- **ארבעט באשיצונג**: צוריקקערן צו די זעלבע אדער ענליכע ארבעט פאזיציע נאכדעם וואס איר נעמט אורלויב.
- איר האלט אן אייער **העלט אינשורענס** ווען איר זענט אויף אורלויב (איר וועט מעגליך דארפן ווייטער באצאלן אייער טייל פון די פרימיום קאסטן, אויב פאראהאן).
- אייער ארבעטסגעבער **טאר נישט דיסקרימינירן אדער נקמה נעמען** אנטקעגן אייך פארן פארלאנגען אדער נעמען באצאלטע פאמיליע אורלויב.

### פראבלעמען:

אויב אייער באצאלטע פאמיליע אורלויב פארלאנג ווערט אפגעזאגט, קענט איר בעטן אז די אפזאג זאל ווערן איבערגעקוקט דורך א נייטראלע פארמיטלער. די אינשורענס פירמע אויסגערעכנט אונטן וועט אייך געבן אינפארמאציע אויף וויאזוי צו פארלאנגען פארמיטלונג.

### דיסקרימינאציע קלאגעס:

אויב אייער ארבעטסגעבער פארשיקט אייך פון די ארבעט, נידערט אייער באצאלט און/אדער בענעפיטן, אדער באשטראפט אייך אויף סיי וועלכע וועג צוליב דעם אז איר האט פארלאנגט אדער נעמט באצאלטע פאמיליע אורלויב, קענט איר בעטן צו צוריק אויפגעראכטן ווערן דורך נעמען די פאלגנדע שריט:

1. פולט אויס די *Formal Request for Reinstatement Regarding Paid Family Leave* (פארמאלע פארלאנג פאר אויפרעכטונג איבער באצאלטע פאמיליע אורלויב) (פארם PFL-DC-119).
2. שיקט אייער אויסגעפולטע בויגן צו אייער ארבעטסגעבער און א קאפיע פון די אויסגעפולטע בויגן צו: Paid Family Leave, P.O. Box 9030, Endicott, NY 13761-9030
3. אויב אייער ארבעטסגעבער ציעט נישט צוריק אדער נעמט נישט קיין אנדערע שריט אייך צו צוריק אויפרעכטן ביז <u>30 טעג</u>, קענט איר אריינגעבן א דיסקרימינאציע קלאגע מיט די ארבעטערס' פארגיטיגונג באורד (Workers' Compensation Board) דורך נוצן די *Paid Family Leave Discrimination/ Retaliation Complaint* (באצאלטע פאמיליע אורלויב דיסקרימינאציע/נקמה קלאגע) (פארם PFL-DC-120). די ארבעטערס' פארגיטיגונג באורד וועט צאמשטעלן אייער קעיס און באשטימען א הירינג.
4. עס זענען אויך דא אנדערע סטעיט און פעדעראלע געזעצן וועלכע באשיצן ארבעטערס פון דיסקרימינאציע. מען קען באקומען נאך אינפארמאציע אויף PaidFamilyLeave.ny.gov.

## באצאלטע פאמיליע אורלויב פארלאנג פראצעדור:

1. לאזט וויסן פאר אייער ארבעטסגעבער כאטש <u>30 טעג</u> פאראויס, אויב עס איז געפלאנט, אדער דאס שנעלסטע מעגליך.
2. פולט אויס און געבט אריין די *Request for Paid Family Leave* (פארלאנג פאר באצאלטע פאמיליע אורלויב) (פארם PFL-1) פאר אייער ארבעטסגעבער.
3. איר מוזט אריינגעבן אייער אויסגעפולטע פארלאנג פעקל צו אייער ארבעטסגעבער׳ס אינשורענס פירמע ביז <u>30 טעג</u> נאך דעם אנהויב פון אייער אורלויב צו פארמיידן דאס פארלירן בענעפיטן.
4. אין מערסטנס פעלער, דארף די אינשורענס פירמע באצאלן אדער אפזאגן בענעפיטן ביז <u>18 קאלענדער טעג</u> נאכן באקומען אייער אויסגעפולטע פארלאנג אדער אייער ערשטע טאג פון אורלויב, וועלכע עס איז שפעטער.

איר קענט באקומען אלע בויגנס פון אייער ארבעטסגעבער, זייער אינשורענס פירמע אויסגערעכנט אונטן, אדער אנליין אויף PaidFamilyLeave.ny.gov/Forms.

**פאר מער אינפארמאציע, בויגנס און אנווייזונגען, באזוכט PaidFamilyLeave.ny.gov אדער רופט די PFL הילפליניע (844) 337-6303**

די אינפארמאציע איז א קורצע פארשטעלונג פון אייערע רעכטן ווי געפאדערט דורך אפטיילונג 229 פון די דיסאביליטי און באצאלטע פאמיליע אורלויב בענעפיטן געזעץ. אייער ארבעטסגעבער׳ס באצאלטע פאמיליע אורלויב בענעפיטן אינשורענס פירמע איז:

פארשריבן דורך די טשעיר,
WORKERS' COMPENSATION BOARD
NYS Paid Family Leave
PO Box 9030, Endicott NY 13761

PFL-271S (9/24)